בס"ד

איך האב ליב

די הייליגע

# יום טוב שבועות

ביכל




ארויסגעגעבן דורך הרב יואל קליין

PRODUCED BY: REALISTIC PRODUCTION

# Credits:

געזינגען און גערעדט דורך:
## "די הייליגע קינדערלעך קווייער"

הערשי פאלקאוויטש
נתנאל הערשקאוויטש
יושע לייפער
יצחק יואל האלפערט
נחום מעהרינג
שראלי כ"ץ
יוסי ווייס
הערשי ווינקלער

מאיר ארגעל
יודי בערגער
ישי קאלמאן
צבי מאיר ווייזער
אפרים פישל שווארץ
מתתי' יואל קאהן
הערשי מענצער
מענדי קליין
נתי שטרויס

## קינדער סאלאס:

צום יו"ט שבועות:.......... הערשי מענצער, נתי שטרויס, יוסי ווייס
כה אמר:............... יצחק יואל האלפערט, ישי קאלמאן, צבי מאיר ווייזער, הערשי מענצער
מדה – חסד:........... נתי שטרויס, מאיר ארגעל
מדה – גבורה:.......... אפרים פישל שווארץ
מדה – תפארת:......... נתנאל הערשקאוויטש
מדה – נצח:............ נתי שטרויס, יוסי ווייס
מדה – הוד:............ מאיר ארגעל, צבי מאיר ווייזער
מדה – יסוד:........... שראלי כ"ץ
מדה – מלכות:.......... ישי קאלמאן
דער באשעפער פרעגט די גוים:.. הערשי פאלקאוויטש
עליונים ששו:........... אפרים פישל שווארץ,
ובאו כולם:............. אפרים פישל שווארץ
והאר עינינו:............ הערשי מענצער, ישי קאלמאן, נתי שטרויס
אבינו אב הרחמן:......... צבי מאיר ווייזער, הערשי מענצער
אקדמות:............. הערשי פאלקאוויטש
כד יתבין ישראל:......... צבי מאיר ווייזער, ישי קאלמאן, הערשי מענצער
ברוך הוא אלוקינו:........ מתתי' יואל קאהן, הערשי מענצער, יוסי סופר
משה אמת:............ אפרים פישל שווארץ, הערשי פאלקאוויטש

## מענער:

טאטע: הרב יואל קליין ~ משה רבינו: ר' ישראל יוסף וועבער

## יישר כח

פאר מיין ידיד נאמן ר' חיים יצחק גאלדמאן הי"ו פארן צושטעלן די הערליכע
Grand Piano & Strings Section

**ר' אליעזר טארים**
פאר דיין הערליכע גראפיקס און קאלירען די בילדער,

Page Layout: **ר' מרדכי שלמה פישמאן** פון Amazing Design

בילדער געמאלן דורך: **ח. קיסרמאן 077-495-1325**

הגהה דורך: **ר' יואל מייזליש הי"ו**
און נְקוּדוֹת דורך: **וְנִכְתַּב 347-675-8423**

## הכרת הטוב

צו מיין ידיד: **מו"ה חיים יחזקאל ניימאן.** Sensible Progression
פאר דיין פראפעסיאנאלע הילף אויף יעדן טריט אין די ביזנעס

יישר כח פאר מיין געטרייע טאטע **ר' אהרן צבי קליין שליט"א**
מלמד מומחה רבות בשנים פאר'ן שטיין צו די האנט צו יעדע צייט
מיט אזא געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט

יישר כח **מו"ה אהרן גרויז** פאר דיין טעקניקל הילף

**יישר כח פאר די אלע חשובע מנהלים און מלמדים שליט"א**
כל אחד בשמו יבורך פאר אייער עצה ותושיה

יישר כח **המלמד ר' משה ראזענפעלד שליט"א**
פאר דיין ערשט האנטיגע הילף פאר'ן Front cover

**אברהם יואל שטיינבערג, צבי אלימלך בריסק און יואל פאלקאוויטש**

## תודה מיוחדת

פאר המלמד **רבי אלעזר ניסן פרידריך** פארן ארויסהעלפן מיט אזויפיל געטריישאפט.
ווי אויך פאר דיין הילף מיט די גראמען פאר אבינו אב הרחמן

**ר' ישראל יוסף וועבער נ"י**
פאר דיין הארץ און נשמה, און פאר די הערליכע גראם לידער:
צום יו"ט שבועות, כא אמר, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות.

**אחרון אחרון חביב!**
**צו מיינע טייערע קינדער שלמה יצחק און משה שמעון קליין**

הרב יואל קליין

איך האב ליב

די הייליגע

# יום טוב שבועות

## CD Tracks

### CD 1

1. צוּם יו"ט שְׁבוּעוֹת - נִיגוּן
2. עֶרֶב יוֹם טוֹב
3. מִילְכִיגֶע סְעוּדָה
4. דִי אִידְן אִין מִדְבָּר
5. דִי וָואלְקְן בַּאשִׁיצְט
6. דִי נִיסִים אִין מִדְבָּר
7. בְּאֵרוֹ שֶׁל מִרְיָם
8. דִי הֵיילִיגֶע מָן
9. אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן
10. כֹּה אָמַר - נִיגוּן
11. דֶרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה
12. מִדָה 1 - חֶסֶד
13. מִדָה 2 - גְבוּרָה
14. מִדָה 3 - תִּפְאֶרֶת
15. מִדָה 4 - נֶצַח
16. מִדָה 5 - הוֹד
17. מִדָה 6 - יְסוֹד
18. מִדָה 7 - מַלְכוּת

### CD 2

1. רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן
2. דֶער בַּאשֶׁעפֶער פְרֶעגְט דִי גוֹיִם - נִיגוּן
3. אִידְן שְׁרַייעֶן נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע
4. עֶלְיוֹנִים שָׂשׂוּ - נִיגוּן
5. וּבָאוּ כוּלָם - נִיגוּן
6. וְהָאֵר עֵינֵינוּ - נִיגוּן
7. שְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה
8. אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן - נִיגוּן
9. קַבָּלַת הַתּוֹרָה
10. עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת
11. תִּיקוּן לֵיל שְׁבוּעוֹת
12. בְּלוּמֶען לְכָבוֹד שְׁבוּעוֹת
13. אַקְדָמוּת
14. כַּד יַתְבִין יִשְׂרָאֵל - נִיגוּן
15. עֶפִּילָאג
16. בָּרוּךְ הוּא אֱלֹקֵינוּ - נִיגוּן
17. מֹשֶׁה אֱמֶת - נִיגוּן

## א עקסטערן גרויסע יישר כח...

פאר די אלע חשוב'ע עלטערן שיחי' פון "די הייליגע קינדערלעך קווייער" פארן ערמעגליכן זייערע קינדער צו אנטיילנעמען און דעם הערליכן און הייליגע סידי. און א עקסטערע דאנק פאר די אלע טייערע קינדער וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער "פרייע צייט נאך נאכטמאל" צו קומען אין סטודיא, און פאר ענקער געדולד און אויסערגעווענליכע גוטע און איידעלע אופפירונג אין סטודיא.

מודעה: קינדער וואס השי"ת האט זיי באשאנקען מיט א שיינע שטימע און א געבוירענע טאלאנט צו זינגען, אדער אז איר ווילט וויסן אויב אייער קינד איז פאסיג צו זיין א חלק אין "די הייליגע קינדערלעך קווייער", אדער פאר מער פרטים וויאזוי דאס גייט צו, שפירט אייך פריי צו רופן: 718-344-1708 די סטודיא געפינט זיך אין הארץ פון וויליאמסבורג.




הייליגע קינדערלעך

© Copyright 2014
Realistic Production Inc.
Email: yk@kstudio1.com

# יום טוב שבועות

CD 1-Track 1

## ניגון צוּם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת

צוּם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת זֶענֶען מִיר גְרֵייט
עֶס בְּרֶענְגְט אַרֵיין אִין שְׁטוּב אַ לִיכְטִיגְקַייט
דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען
אוּן אָפְּהִיטְן זִיךְ פָּארְגֶענוּמֶען

בַּיי דֶעם קְלֵיינֶעם בַּארְג סִינַי
הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַלֶע גֶעטְרַיי
נַעֲשֶׂה, וְנִשְׁמַע, מִיר וֶועלְן טוּן אוּן הֶערְן.
אוּן אַ הֵיילִיג פָּאלְק וֶוערְן

פִּזְמוֹן:

מִיר דַאנְקְן דִיר אַ גַאנְץ לֶעבְּן
אַז דִי תּוֹרָה, הָאסְטוּ אוּנְז גֶעגֶעבְּן
וִוי טֵייעֶר אוּן הֵיילִיג
ווָאוֹיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק
אַ זִיסֶע תּוֹרָה לֶעכְטִיג אוּן שֵׁיין

אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט
נֶעמֶען מִיר דִי תּוֹרָה אֵייבִּיג מִיט
דֶער אִיד מִיט דִי תּוֹרָה מִיטְן הֵיילִיגְן בּוֹרֵא
בְּלַייבְּן צוּגֶעבּוּנְדְן וִוי אֵיין

אַהַא... אַהַא... אַהֵיי....
וֶוען יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת קוּמְט אַרֵיין
דַארְפְן מִיר פְרֵיילִיךְ זַיין
אַ מִילְכִיגֶע סְעוּדָה עֶסְן מִיר אוֹיךְ
צוּם בַּאשֶׁעפֶער בֶּעטְן מִיר
גֶעבּ אוּנְז שֵׂכֶל אָן אַ שִׁיעוּר
צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען פְלַייסִיג וִוי מִ׳בְּרוֹיךְ

פִּזְמוֹן:

מִיר דַאנְקְן דִיר אַ גַאנְץ לֶעבְּן...



# יום טוב שבועות

CD 1-Track 2

**שְׁלוֹמִי:** אָה! טַאטִי, דִי יוֹם טוֹב אָרְדֶער אִיז דָא!!

**יוּדִי, הֶערְשִׁי:** וואוּ... פִּיר בַּאקְסֶעם, אָנְגֶעפּוּלְט מִיט גוּטֶע זַאכְן!

**יוֹסִי:** טַאטִי, אוּנְז גֵייִמִיר טוּהְן אַ מִצְוָה אוּן הֶעלְפְּן אַלֶעם אוֹיסְפַּאקְן אוּן אַוֶועקְלֵייגְן. אָקֶעי?

**טַאטֶע:** אַוַדְאַי! זֵייעֶר גֶערְן, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ קִינְדֶער!

**קִינְד:** אָקֶעי, אִיךְ פַּאק אוֹיס דִי בַּאקְס.

**הֶערְשִׁי:** יוֹשׁ, דֶעי בַּאקְס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער! וָואס לִיגְט דָא אִינֶעוֵוייניג?



**קִינְדֶער:** מַאךְ אוֹיף דִי בַּאקְס, אוּן לָאמִיר זֶעהְן... אָקֶעי, דִי בַּאקְס אִיז אָפְּן. אַהַא! צְוֵויי שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ מֶעהל.. אַהַה, אַ פֶּעקְל צוּקֶער.. קוּק, סְ'אִיז דָא טְשִׁיז, אֵייעֶר, אוֹיל, טְשָׁאקָאלֶעד!... אַהַה, אִיךְ וֵוייס! מַאמִי גֵייט בַּאקְן אַ דֶעלִישֶׁעס טְשִׁיז קֶעיק לְכָבוֹד שְׁבוּעוֹת!

**קִינְד:** אִיךְ קֶען קוּים וַוארְטְן צוּ עֶסְן דִי גֶעשְׁמַאקֶע מִילְכִיגֶע סְעוּדָה!

CD 1-Track 3

**שְׂרָאְלִי:** טְשִׁיז קֶעיק, מִילְכִיגֶע סְעוּדָה? טַאטִי, פַארְוָואס עֶסְט מֶען אִין דֶעם יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת אַ מִילְכִיגֶע סְעוּדָה?

**טַאטֶע:** וַוייל אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעטוּהְן גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, סְ'הָאט גֶענוּמֶען צַייט בִּיז וִוילַאנְג דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעקֶענְט הָאבְּן כָּשֶׁר'ע פְלֵיישִׁיגֶע עֶסְן, אוּן בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן נָאר מִילְכִיגֶע עֶסְן!

**שְׂרָאְלִי:** אוּן פַארְוָואס הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן פְלֵיישִׁיגֶע עֶסְן?

**טַאטֶע:** וַוייל דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען יֶעצְט גֶעוָואוּיר גֶעוָוארְן, אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט אַסַאךְ הֲלָכוֹת וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אוֹיבּ מֶען וִויל עֶסְן פְלֵיישִׁיגֶע עֶסְן. מֶען דַארְף שֶׁחְטְ'ן דִי בְּהֵמָה אָדֶער דִי הִינְדֶעלֶע, אוּן מֶען דַארְף עֶס מַאכְן כָּשֵׁר, אוֹיךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אַ כָּשֶׁר'ע קָאךְ, אוּן דִי אַלֶע זַאכְן הָאבְּן גֶענוּמֶען צַייט! אוּן בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעגֶעסְן נָאר מִילְכִיגֶע עֶסְן, וַוייל מִילְכִיגֶע עֶסְן קֶען מֶען גְלַייךְ אָנְגְרֵייטְן. מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ קוּה אָדֶער אַ צִיגֶעלֶע, אוּן מֶען מֶעלְקְט אַרוֹיס דִי מִילְךְ, אוּן פַאר מֶען וִויל עֶס טְרִינְקֶען דַארְף מֶען נָאר מַאכְן אַן עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה "שֶׁהַכֹּל נִהְיֶה בִּדְבָרוֹ" אוּן מֶען קֶען עֶס גְלַייךְ אוֹיסְטְרִינְקֶען!



**שְׂרָאְלִי:** אַה, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ.

טַאטִי, קֶענְסְטוּ אוּנְז פְּלִיז דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, וְויאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?

**טַאטֶע:** זִיכֶער! עֶנְק וֵוייסְן וָואס?, אִינְדְרוֹיסְן אִיז יֶעצְט אַ הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע אוּן אַנְגֶענֶעמֶע וֶועטֶער, לָאמִיר אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן אוּנְטֶער דִי בֵּיימֶער, אוּן דָארְט וֶועלְן מִיר בְּעֶזֶר הַשֵּׁם דֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פוּן דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת.



CD 1-Track 4

**טַאטֶע:** אָה, זֶעצְט עֶנְק שַׁיין אַרָאפּ אוּן מַאכְטְס עֶנְק בַּאקְוֶועם. לָאמִיר צוּרִיקְגֵיין לַאנְג לַאנְג צוּרִיק.

אוּנְז הַאלְטְן מִיר יֶעצְט נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח, נָאךְ דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִי לַאנְד מִצְרַיִם, אוּן גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם סוּף, אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִצְרִיים זֶענֶען גֶעוָוארְן דֶערְטְרוּנְקֶען אִין דִי יַם. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעפִירְט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין אַ "מִדְבָּר". עֶנְק וֵוייסְן וָואס אַ מִדְבָּר אִיז?

**קִינְדֶער:** נֵיין...

**טַאטֶע:** אַ מִדְבָּר, אִיז אַ רִיזִיגֶע גְרוֹיסֶע לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, אוּן מְ'טְרֶעט נָאר אוֹיף טְרוּקֶענֶע זַאמְד! אוּן אוֹיךְ אִיז דָארְט זֵייעֶר זֵייעֶר הֵיים, דִי זוּן בַּאקְט אוּן בְּרָאט אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז אוֹיבּ מְ'טְרִינְקְט נִישְׁט דָארְט אַסַאךְ וַואסֶער, פִילְט מֶען זִיךְ נִישְׁט גוּט. אָבֶער אִין אַ מִדְבָּר אִיז נִישְׁטָא "וואוּ" צוּ טְרֶעפְן וַואסֶער! סְ'אִיז נִישְׁטָא דָארְט אַ הוֹיז וואוּ מְ'קֶען אַרַיינְגֵיין אוּן בֶּעטְן וַואסֶער. אוֹיךְ אִיז נִישְׁטָא דָארְטְן קַיין גְרָאסֶערַיי'ס. גָארְנִישְׁט! אִין אַ מִדְבָּר רֶעגְנְט כִּמְעַט קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין וַואסֶער. אִין אַ מִדְבָּר אִיז נִישְׁטָא קַיין לֶעיקְס אָדֶער אַ טַייךְ אָדֶער אַ יַם. אוּן אוֹיבּ סְ'רֶעגְנְט נִישְׁט, קֶען גָארְנִישְׁט וַואקְסְן! אִין אַ מִדְבָּר אִיז טַאקֶע נִישְׁטָא קַיין גְרָאז, עֶס אִיז נִישְׁטָא דָארְטְן קֵיין בֵּיימֶער. נָאר רִיזִיגֶע גְרוֹיסֶע בֶּערְג, מִיט גְרוֹיסֶע לֶעכֶער. אוּן קֵיינֶער וִויל אֲפִילוּ נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַזַא שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִדְבָּר. עֶנְק וֵוייסְן פַארְוָואס? וַוייל אִין אַ מִדְבָּר אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיוֹת, מִיט גְרוֹיסֶע צֵיינֶער, אוּן אוֹיךְ גְרוֹיסֶע לַאנְגֶע שְׁלֶענְג וָואס קֶענֶען בַּייסְן, אוּן יֶעדֶער הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין אַזַא שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִדְבָּר.



# יום טוב שבועות

CD 1-Track 5

**מֵאִיר:** יוֹא.. אִיךְ צִיטֶער, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אִין אַזַא שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִדְבָּר?

**טַאטֶע:** דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט! וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פוּן הִימְל אַ גְרוֹיסֶע וֵוייסֶע וָואלְקְן, אוּן דִי וָואלְקְן הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן אַלֶע 6 זַייטְן, פוּן דִי רֶעכְטֶע זַייט, פוּן דִי לִינְקֶע זַייט, פוּן אוֹיבְן, פוּן אוּנְטְן, דִי וָואלְקְן אִיז גֶעוֶוען פָארְנְט פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אִיז דִי וָואלְקְן גֶעגַאנְגֶען הוּנְטֶער אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהן, אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן!



# יום טוב שבועות

CD 1-Track 6

**יוֹסִי:** און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי גְרוֹיסֶע בֶּערְג מִיט דִי רִיזִיגֶע לֶעבֶער?

**טַאטֶע:** נֵיין! זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעדַארְפְט מוֹרָא הָאבְּן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעמַאכְט נָאךְ אַ נֵס. וואוּ סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ בַּארְג, אָדֶער אַ לָאךְ, הָאט עֶס דִי גְרוֹיסֶע וָואלְקְן גֶעמַאכְט שֵׁיין גְרָאד!

**קִינְדֶער:** אַזַא גְרוֹיסֶע נֵס, וואוּ!

**טַאטֶע:** און אוֹיבּ אֵיינֶעמְס פוּס הָאט וֵויי גֶעטוּהְן פוּן וָואקְן אַזוֹי לַאנְג אִין דִי מִדְבָּר, הָאט דִי וָואלְקְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט זַיין פוּס! דִי וָואלְקְן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי הֵיילִיג, אַז אַלֶע קְלֵיידֶער וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאט אָנְגֶעטוּהְן, זֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָוארְן שְׁמוּצִיג. און אוֹיךְ הָאבְּן דִי קְלֵיידֶער מִיטְגֶעוַואקְסְן מִיט זֵיי, און מְ'הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט קוֹיפְן נַייֶע קְלֵיידֶער. און נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע נֵס, יֶעדֶע נַאכְט וֶוען סְ'אִיז גֶעוָוארְן טוּנְקֶל, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אַן אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע וָואלְקְן וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְט אַ גְרוֹיסֶע פַייעֶר, און דִי פַייעֶר הָאט גֶעמַאכְט לִיכְטִיג אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועג, און אַזוֹי זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אָן קַיין שְׁטֶער.

CD 1-Track 7

**שְׁלוֹמִי:** אָבֶער טַאטִי, וִויאַזוֹי הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעהַאט צוּ עֶסְן אִין דִי גְרוֹיסֶע מִדְבָּר? און פוּן וואוּ הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען? אִין אַ מִדְבָּר אִיז דָאךְ אַזוֹי הֵיים?

**טַאטִי:** סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ צַדֶיקֶת וָואס הָאט גֶעהֵייסְן "מִרְיָם הַנְבִיאָה". מִרְיָם הַנְבִיאָה אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, און זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, און וֶועגְן אִיר זְכוּת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשַׁאפֶען אַ שְׁטֵיין, וָואס



# יום טוב שבועות

הָאט גֶעהֵייסְן "בְּאֵרוֹ שֶׁל מִרְיָם", דָאס מֵיינְט "דִי קְוואל פוּן מִרְיָם". אוּן וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעדַארְפְט וַואסֶער, אִיז מֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי "בְּאֵרוֹ שֶׁל מִרְיָם" שְׁטֵיין, אוּן פוּן דִי שְׁטֵיין אִיז אַרוֹיסְגֶערִינֶען פֵיינֶע פְרִישֶׁע קַאלְטֶע וַואסֶער!

**הֶערְשִׁי:** וַואוּ! פוּן אַ שְׁטֵיין קוּמְט אַרוֹיס וַואסֶער? אַזוֹי וִוי אַ סִינְק? אַזַא גְרוֹיסֶע נֵס! נָאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶען מַאכְן אַזַא אִינְטֶערֶסַאנְטֶע נֵס!

[CD 1-Track 8]

**שְׁלוֹמִי:** אוּן פוּן וואוּ הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעהַאט עֶסְן?

**טַאטֶע:** עֶסְן.. אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע נֵס. סְ'אִיז גֶעוֶוען פַארְטָאגְס, זֵייעֶר פְרִיה וֶוען יֶעדֶער שְׁלָאפְט נָאךְ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס, אוּן סְ'הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעגֶענֶען פוּן דִי הִימְל. סְ'הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט וַואסֶער, אוֹיךְ נִישְׁט שְׁנֵיי. קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶנְק וֵייסְן וָואס סְ'הָאט גֶערֶעגְנְט פוּן דִי הִימְל?



# יוםטוב שבועות

**יוֹסִי:** יָא! אִיךְ וֵויים, מַיין רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט....

**טַאטֶע:** לָאמִיר הֶערְן...

**יוֹסִי:** סְ'הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען אַרָאפְּצוּפַאלְן פוּן דִי הִימְל אַזַא קְלֵיינֶע וַוייסֶע עֶסְן וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן גַן עֵדֶן, אוּן דָאס הָאט גֶעהֵייסְן "מָן". אוּן דִי מָן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע עֶסְן. אוּן וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּפְרִי, הָאבְּן זֵיי נָאר גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע מָן אוּן עֶס אוֹיפְהֵייבְּן. אוּן וִוי מֶער עֶרְלִיךְ אַ אִיד אִיז גֶעוֶוען, אַלְץ נֶענְטֶער אִיז דִי מָן גֶעפַאלְן נֶעבְּן זַיין הוֹיז, אוּן אַלְץ וֵוייניִגֶער הָאט עֶר גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ טְרֶעפְן דִי מָן!

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט גֶעזָאגְט, יוֹסִי!

**שְׂרָאְלִי:** טַאטִי, וֶועלְכֶע בְּרָכָה הָאבְּן דִי אִידְן גֶעמַאכְט אוֹיף דִי מָן?

**טַאטִי:** אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע מָן הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ בְּרָכָה "הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הַשָּׁמַיִם".



דָאס מֵיינְט, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס בְּרֶענְגְט עֶסְן פוּן הִימְל. דִי מָן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי הֵיילִיג, אַז מְ׳הָאט גֶעקֶענְט שְׁפִּירְן אִין מוֹיל; כִּמְעַט אַלֶע מִינֵי גוּטֶע עֶסְן וָואס מְ׳הָאט גֶעטְרַאכְט.

**יוֹסִי:** אוֹיב אֵיינֶער הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן בְּרוֹיט מִיט פּוּטֶער, הָאט דִי מָן גֶעהַאט אַ טַעַם פוּן בְּרוֹיט מִיט פּוּטֶער?

**טַאטֶע:** יָא!

**שְׂרָאְלִי:** אוּן אוֹיב אֵיינֶער הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן טְשָׁאקָאלֶעד, הָאט דִי מָן גֶעהַאט אַ טַעַם פוּן טְשָׁאקָאלֶעד?!

**יוֹסִי:** טְשָׁאקָאלֶעד?!

**טַאטֶע:** יָא! סְ׳הָאט גֶעהַאט אַ טַעַם פוּן טְשָׁאקָאלֶעד!

**יוֹסִי:** אַזוֹי אִינְטֶערֶסַאנְט...

**שְׁלוֹמִי:** אָבֶער פַארְוָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעדַארְפְט אַדוּרְכְפִּירְן דִי אִידְן דוּרְךְ אַזַא שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִדְבָּר?

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט גֶעפְרֶעגְט! דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אָבֶער... דִי תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, אוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל יָארְן, נֶעבֶּעךְ, אִין דִי טָמֵא׳נֶע לַאנְד מִצְרַיִם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי נְשָׁמָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶענוּמֶען דִי אִידְן אִין אַ מִדְבָּר, אַ פְּלַאץ וָואס סְ׳אִיז גָארְנִישְׁט דָא! וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צְוֵויי זֵייעֶר ווִיכְטִיגֶע זַאכְן וָואס דִי צְוֵויי זַאכְן וֶועט אוֹיסְרֵיינִיגְן זֵייעֶר נְשָׁמָה, אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.



CD 1-Track 9

**שְׂרָאְלִי:** וָואס זֶענֶען דִי צְוֵויי ווִיכְטִיגֶע זַאכְן?

**טַאטֶע:** דִי צְוֵויי ווִיכְטִיגֶע זַאכְן זֶענֶען: "**אֱמוּנָה**" אוּן "**בִּטָחוֹן**"! אֱמוּנָה מֵיינְט, אַז מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער קֶענִיג וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע ווֶועלְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט אַלֵיין דִי גַאנְצֶע ווֶועלְט, אוּן עֶר קֶען אַלֶעס טוּהְן! אוּן אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט אַרַיינְגֵיין אִין אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִדְבָּר, הָאט מֶען "אֱמוּנָה", דָאס מֵיינְט "מֶען גְלֵייבְּט" אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווֵייסְט וָואס עֶר טוּהְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּהְט מִיט אוּנְז נָאר גוּטֶע זַאכְן! אֲפִילוּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אֵייבִּיג.

**מֵאִיר:** אַזוֹי לֶערְנְט מֶען זִיךְ אוֹיס צוּ הָאבְּן "אֱמוּנָה", אוּן גְלֵייבְּן אַז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּהְט אִיז "נָאר" גוּט!!

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט גֶעזָאגְט, מֵאִיר. "אֱמוּנָה" אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע ווִיכְטִיגֶע זַאךְ. אוּן דִי צְווֵייטֶע ווִיכְטִיגֶע זַאךְ אִיז "בִּטָחוֹן". בִּטָחוֹן מֵיינְט, זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווֶועט אוּנְז אֵייבִּיג הֶעלְפְן! אוּן אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל, קֶען עֶר אוֹיךְ מַאכְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקְן פוּן אַ שְׁטֵיין! אוּן ווֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט גֶעלָאזְט אַוֶועקְלֵייגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע מָן אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג, ווַייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעווָאלְט אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּגֶעווֶואוֹינֶען צוּ הָאבְּן "בִּטָחוֹן", אוּן זַיין זִיכֶער אַז מָארְגְן ווֶועט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זֵיי נָאכְאַמָאל גֶעבְּן צוּ עֶסְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווֶועט זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט לָאזְן הוּנְגֶערִיג.

**מֵאִיר:** אַהַה, דָאס מֵיינְט "בִּטָחוֹן", זִיךְ פַארְזִיכֶערְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער!

**טַאטֶע:** אוּן דִי צְוֵויי ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, דָאס הָאט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

און דער הייליגער באשעפער האט געזאגט, אז ער וועט אייביג געדענקען דאס וואס די אידישע קינדער האבן זיך אויף אים פארלאזט אין די שרעקעדיגע מדבר. און דער הייליגער באשעפער האט צוגעזאגט, אז יעדע צייט, ווען א מענטש וועט עפעס דארפן, אויב וועט ער זיך פארלאזן אויף די הייליגע באשעפער און האבן אמונה און בטחון, וועט אים דער הייליגער באשעפער העלפן!

קינדערלעך! אפילו היינטיגע צייטן, קען יעדע איד, אפילו א קליינע אינגעלע אדער מיידעלע, אויסנוצן די כח וואס אמונה און בטחון האט, און זיך איינגאנצן פארלאזן אויף די הייליגע באשעפער, וועט אים דער הייליגער באשעפער העלפן און אפילו מאכן א נס.

CD 1-Track 10

## ניגון כה אמר ה׳

כה אמר ה׳ זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך,
לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה.

דער אויבערשטער אליין
גיבט אונז צו פארשטיין
איך געדענק נאך יענע יארן
ווען איך האב ענק
פון מצרים ארויסגעברענגט
דאס בלייבט מיר אייביג אין זכרון

ווען אלע אידן צוזאם
יעדער אן אויסנאם
האבן אין מיר געגלייבט אינגאנצן



# יום טוב שבועות

**אִינֶעם מִדְבָּר דָארְט**
**אַ לֵיידִיגְן אָרְט**
**וִוי מְ'הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן אָנְפְּלַאנְצְן**

**אִיךְ הָאב עֶנְק דָארְט אַרוּמְגֶעפִירְט בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט**
**מִיט אַ וָואלְקְן אוּן פֵייעֶר וָואס בַּאלַייכְט.**

**אוֹי הוֹי**
**אִיר זֶענְט מִיר נָאכְגֶעגַאנְגֶען, וִוי אַן עֶרְלִיכֶע אַרְמֵיי**
**מִיט ״בִּטָחוֹן״ גֶעבְּלִיבְן גֶעטְרַיי**

**נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין קוּשְׁיוֹת פַארְוָואס אוּן וִויאַזוֹי**
**נָאר גֶעפָאלְגְט פּוּנְקְטְלִיךְ גֶענוֹי**
**דִי ״אֱמוּנָה״ וָואס אִיר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אִין עֶנְקֶער טַאטְן**
**וֶועט אַייךְ בַּיישְׁטֵיין אִין אַלֶע צַייטְן**

**אוֹי הוֹי...**
**לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה**

CD 1-Track 11

**יוֹסִי:** שׁוֹין, אוּנְז וֵוייסְן שׁוֹין אַז אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן הָאט אוּיסְגֶערֵיינִיגְט זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת. אוּן יֶעצְט זֶענֶען שׁוֹין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?

**טַאטֶע:** דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן גְרֵייט צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

**מֵאִיר:** פַארְוָואס? וָואס נָאךְ הָאבְּן זִיךְ דִי אִידְן גֶעדַארְפְט אוּיסְלֶערְנֶען?



# יום טוב שבועות

**טאַטע:** די אידישע קינדער האָבן זיך נאָך געדאַרפט אויסלערנען אַז "דרך ארץ קדמה לתורה". דאס מיינט, אַז פאַר מען קען באַקומען די הייליגע תורה, דאַרף מען זיך אויסלערנען וויאַזוי זיך אויפצופירן מיט שיינע מדות און מיט דרך ארץ. און וועגן דעם, ווען דער הייליגער באַשעפער האט אַרויסגענומען די אידישע קינדער פון מצרים, און ער האט זיי געפירט אין דעם מדבר, האט ער געהייסן אַז מען זאל ציילן ניין און פערציג טעג, דאס איז גאַנצע זיבן וואכן, און יעדע וואך האבן זיך די אידישע קינדער אויסגעלערנט און געאַרבעט זיך צו צוגעוואוינען אויף נאָך אַ מדה פון די זיבן מדות, וואס די זיבן מדות הייסן: **חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, און מלכות.**

**שלומי:** טאַטי, קענסטו אונז ביטע מסביר זיין די אַלע זיבן מדות?

**טאַטע:** אַוודאי, יעצט גיי מיר אונז זיך אויסלערנען די זיבן שיינע מדות!

CD 1-Track 12

## מדה 1 - חסד

לאָמיר אייך יעצט ערקלערן
איר וועט געוואויר ווערן
די זיבן מדות מיט וואס מ'האט זיך צוגעגרייט
חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, און מלכות, וואס איז די באַדייט

* * * *

חסד איז די ערשטע מדה, דאס טוהט באַדייטן
שטענדיג טוהן נאר גוטס מיט אַ צווייטן

**טאַטע:** איינמאל האט די מאמע געזאָגט פאַר אַ אינגל וואס האט געהייסן מאיר:

**קינד/מאמע:** מאיר, מ'דאַרף שוין גיין שלאָפן. האָסט זייער שיין געשפּילט, יעצט גייסטו שיין אַוועקפּאַקן אַלע קליקס, מיט אַלע לעגאס, און מאָרגן וועסטו בעזר השם קענען שפּילן ווייטער.






**טַאטֶע:** מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ וואוּילֶע אִינְגֶעלֶע, אוּן מֵאִיר הָאט גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט אַ מַאמֶע אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אַוֶועקְצוּפַּאקְן אַלֶע קְלִיקְס מִיט אַלֶע לֶעגָאס. עֶר הָאט אַלֶעם שֵׁיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען פוּן אוּנְטֶער דִי טִישׁ, אוּנְטֶער דִי קָאוּטְשׁ, אוּנְטֶער אַלֶע בֶּענְקְלֶעךְ, אוּן אַלֶעם שֵׁיין אַרֵיינְגֶעפַּאקְט אִין דִי בַּאקְס.

מֵאִיר הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע בְּרוּדֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן שְׂרָאְלִי, אוּן שְׂרָאְלִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ וואוּילֶע אִינְגֶעלֶע, הָאט שְׂרָאְלִי גֶעזָאגְט:

**שְׂרָאְלִי:** קוּם מֵאִיר, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן צוּזַאמְפַּאקְן דִי קְלִיקְס, וַוייל אִיךְ וִויל טוּהן דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן ״חֶסֶד״, דָאס מֵיינְט טוּהן גוּטֶע זַאכְן פַאר אַן אַנְדֶערֶע אִיד.

**אַהַא אַהַא אַהַא אַהַא אַהַא**
**קִינְדֶערְלֶעךְ הָאט אִיר גֶעזֶען**
**שְׂרָאְלִי הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען**
**דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן חֶסֶד, דִי עֶרְשְׁטֶע אִין דִי רֵייעֶ**

**עֶר הֶעלְפְט אַ בְּרוּדֶער אַזוֹי גֶעטְרַײ**
**צוּזַאמְפַּאקְן דִי שְׁפִּילֶעַרַײ**
**אַ חֶסֶד אִינְגֶעלֶע אִיז עֶר, מַמָשׁ אַ מְחַיֶה**

* * * *

**גְּבוּרָה אִיז דִי צְוֵייטֶע מִדָּה, הַאלְט זִיךְ פֶּעסְט אוּן זָאג נֵיין**
**דִי עֵצוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, חָלִילָה נִישְׁט נָאכְגֵיין**

## מדה 2 - גבורה

CD 1-Track 13

**טַאטֶע:** וֶוען אַלֶע טוּיס אִיז שׁוּין גֶעוֶוען צוּזַאמְגֶעפַּאקְט, אוּן מֵאִיר מִיט שְׁרָאְלִי זֶענֶען שׁוּין גֶעוֶוען אִין בֶּעט, הָאבְּן זֵיי פְּרַיינְטְלִיךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט צְווִישְׁן זִיךְ, בִּיז דִי מַאמֶע אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט:

**קִינְד/מַאמֶע:** אָקֶעי, קִינְדֶערְלֶעךְ, סְ'אִיז שׁוּין צַייט צוּ וֶוערְן שְׁטִיל. אִיךְ גֵיי יֶעצְט אוֹיסְלֶעשְׁן דִי לַייט, אוּן יֶעדֶער זָאל בְּלַייבְּן שְׁטִיל. אַ גוּטֶע נַאכְט, מֵאִיר, אַ גוּטֶע נַאכְט שְׁרָאְלִי!

**קִינְדֶער:** אַ גוּטֶע נַאכְט מַאמִי!

**קִינְד/מַאמֶע:** אַ גוּטֶע נַאכְט! שְׁלָאפְט גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, שששש....

**טַאטֶע:** וֶוען דִי מַאמֶע אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט זִיךְ שְׁרָאְלִי דֶערְמַאנְט זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶסַאנְטֶע זַאךְ וָואס סְ'אִיז הַיינְט גֶעוֶוען אִין חֶדֶר, אוּן שְׁרָאְלִי זָאגְט צוּ מֵאִיר:

**שְׁרָאְלִי:** מֵאִיר... מֵאִיר.... פסס... מֵאִיר.. אִיךְ 'מוּז' דִיךְ עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן.

**מֵאִיר:** שְׁשְׁשְׁ... שְׁרָאְלִי, מַאמִי הָאט גֶעהֵייסְן אַז סְ'זָאל זַיין שְׁטִיל.

**שְׂרָאֶלִי:** אָבֶּער.. אָבֶּער..

**מֵאִיר:** כִּבּוּד אָב וָאֵם! מְ׳דַארְף פָאלְגְן אַ מַאמֶע!

**טַאטֶע:** שְׂרָאֶלִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז מֵאִיר אִיז גֶערֶעכְט אוּן מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ מַאמֶע! אוּן אוּיבּ אַ מַאמֶע הֵייסְט זַיין שְׁטִיל, דַארְף מֶען גְלַייךְ פָאלְגְן אוּן זַיין שְׁטִיל! סְ׳אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע יֵצֶר הָרָע׳לֶע וָואס הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן שְׂרָאֶלִי טוּהְן אַן עֲבֵירָה! הָאט שְׂרָאֶלִי גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ:

**שְׂרָאֶלִי:** אֲפִילוּ אִיךְ ווִיל יֶעצְט זָאגְן פַאר מַיין בְּרוּדֶער זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶסַאנְטֶע זַאךְ, גֵיי אִיךְ נוּצְן דִי מִדָּה וָואס הֵייסְט "גְּבוּרָה", אוּן אִיךְ וֶועל מִיךְ שְׁטַארְקְן אוּיף דֶעם שְׁלֶעכְטְן יֵצֶר הָרָע, אוּן אִיךְ וֶועל זַיין שְׁטִיל!



# יום טוב שבועות

**אַהַא אַהַא אַהַא אַהַא**
**קִינְדֶערְלֶעךְ הָאט אִיר גֶעזֶען**
**שְׂרָאְלִי הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען**
**דִי שֵׁיינֶע מִדָּה גְּבוּרָה, דִי צְוֵוייטֶע אִין דִי רֵייעֶ**
**זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט גֶערֶעדְט**
**גֶעבְּלִיבְּן זַייעֶר שְׁטִיל אִין בֶּעט**
**אַ גְּבוּרָה אִינְגֶעלֶע אִיז עֶר, מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה**

* * * *

**תִּפְאֶרֶת אִיז דִי דְרִיטֶע מִדָּה, אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט**
**זָאל זַיין פַאר יֶעדְן שֵׁיין אוּן גוּט**

CD 1-Track 14

## מדה 3 - תפארת

**טַאטֶע:** אֵיינְמָאל שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, אוּן שְׂרָאְלִי הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ וואוּילֶע אִינְגְל אוּן אִיבֶּער'חַזֶר'ן דִי אַלֶ"ף בֵּי"ת, אִיז שְׂרָאְלִי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֵיינוּנְג רוּם אוּן גֶעטְרָאפְן זַיין גְרוֹיסֶע בְּרוּדֶער שְׁלוֹמִי זִיצְן אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, שְׂרָאְלִי נֶעמְט אַרוֹיס דִי אַלֶ"ף בֵּי"ת צֶעטְלֶעךְ וָואס זַיין רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אִיבֶּער'חַזֶר'ן אוּן עֶר נֶעמְט זִיךְ הוֹיךְ שְׁרַייעֶן: אַ בּ ב ג ד ה...

**שְׁלוֹמִי:** שְׂרָאְלִי, וֶוען דוּ חַזֶר'סְט אִיבֶּער וָואס דַיין רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן דוּ זָאגְסְט אַזוֹי הוֹיךְ, וֶוער אִיךְ צוּמִישְׁט! שְׂרָאְלִי, דוּ מַאכְסְט טַאקֶע פְרֵיילִיךְ דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע אַלֶ"ף בֵּי"ת, אָבֶּער וֶוען אֵיינֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן מִיר אוּן שְׁרַייט אַזוֹי הוֹיךְ, שְׁטֶערְסְטוּ מִיךְ, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**שְׂרָאְלִי:** אָבֶּער אִיךְ טוּה גָארְנִישְׁט, אִיךְ לֶערְן נָאר הוֹיךְ!





**טַאטֶע:** שְׂרָאְלִי! פַארְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מִדָּה וָואס הֵייסְט "תִּפְאֶרֶת", זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן! זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען טוּהְט אַ מִצְוָה, אוּן זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ וֶוען דוּ טוּהסְט אַ מִצְוָה, גֶעדֶענְק, נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ!

**שְׂרָאְלִי:** אַהַא... יֶעצְט וֵויים אִיךְ שׁוֹין, אִיךְ גֵיי טוּהן דִי מִדָּה פוּן "תִּפְאֶרֶת", אִיךְ וֶועל זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין צוּ מַיין בְּרוּדֶער! אוֹיבּ אִיךְ שְׁטֶער דִיךְ וֶוען אִיךְ שְׁרֵייִ הוֹיךְ דִי א׳ ב׳, וֶועל אִיךְ עֶס זָאגְן שְׁטִילֶער! אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין שֵׁיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אוּן אוֹיךְ שֵׁיין צוּ אַ בְּרוּדֶער!

א..בּ...ב...ג....

אַהַא אַהַא אַהַא אַהַא
קִינְדֶערְלֶעךְ הָאט אִיר גֶעזֶען
שְׂרָאְלִי הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען
דִי שֵׁיינֶע מִדָּה תִּפְאֶרֶת, דִי דְרִיטֶע אִין דִי רַייעֶ
גֶעלֶערְנְט אַזוֹי שֵׁיין הָאט עֶר
פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שְׁטֶער
דִי מִדָּה פוּן תִּפְאֶרֶת מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּה

* * * *

נֶצַח דִי פֶערְטֶע מִדָּה לָאמִיר אוֹיסְגֶעפוּנֶען
נֶצַח מֵיינְט דִי יֵצֶר הָרָע צוּ גֶעוִוינֶען

CD 1-Track 15

## מדה 4 - נצח

**טַאטֶע:** מֵאִיר מִיט שְׂרָאְלִי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע גַאס, וְוִי סְ'אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ שְׁטָאטִישֶׁע פַּארְק וואוּ יֶעדֶער הָאט גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין שְׁפִּילְן. אָבֶּער אִין דִי שְׁטָאטִישֶׁע פַּארְק פְלֶעגְן אוֹיךְ אַרַיינְקוּמֶען גוֹיִם, אוּן דִי גוֹיִם פְלֶעגְן שְׁפִּילְן זֵייעֶר ווִילְד, אוּן אוֹיךְ פְלֶעגְן דִי גוֹיִם שְׁרַייעֶן, אוּן רֶעדְן נִישְׁט-אֵיידֶעלֶע וֶוערְטֶער וָואס אַ אִידִישֶׁע קִינְד טָאר נִישְׁט הֶערְן, אוּן סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה! הָאט מֵאִיר גֶעזָאגְט פַאר שְׂרָאְלִי:

**מֵאִיר:** שְׂרָאְלִי, אִין דִי שְׁטָאטִישֶׁע פַּארְק וְוִיל אִיךְ נִישְׁט גֵיין!

**שְׂרָאְלִי:** פַארְוָואס?

**מֵאִיר:** וַוייל דִי שְׁטָאטִישֶׁע פַּארְק אִיז הַיינְט פוּל מִיט גוֹיִם, אוּן זֵיי שְׁרַייעֶן מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער וָואס מִיר טָארְן נִישְׁט הֶערְן!

# יום טוב שבועות

**שְׂרָאְלִי:** אָבֶּער מֵאִיר, אוּנְז קֶענֶען יָא גֵיין אִין פַּארְק, אוּן אוּנְז גֵיי מִיר "נָאר שְׁפִּילְן", שְׁפִּילְן מֶעג מֶען! אוּן אוֹיבּ דִי טָמֵא'נֶע גוֹיִם גֵייעֶן שְׁרַייעֶן מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער, וֶועלְן מִיר שְׁנֶעל צוּשְׁטָאפְּן אוּנְזֶערֶע אוֹיעֶרְן...

**מֵאִיר:** נֵיין שְׂרָאְלִי, חָלִילָה!! דֶער יֵצֶר הָרָע וֵוייסְט אַז מִיר וִוילְן נִישְׁט טוּהן עֲבֵירוֹת, וֶועגְן דֶעם רֶעדְט אוּנְז דֶער יֵצֶר הָרָע אַיין אַז מִיר זָאלְן "סְתַּם שְׁפִּילְן"... וָואס שְׁפִּילְן אִיז טַאקֶע נִישְׁט אַן עֲבֵירָה, שְׁפִּילְן מֶעג מֶען, אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם וָואס אוּנְז גֵיין שְׁפִּילְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ טָמֵא'נֶע גוֹיִם, וֶועלְן מִיר אוֹיךְ הֶערְן וִוי זֵיי שְׁרַייעֶן נִישְׁט-שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן טַאקֶע "דָאס" וִויל דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרָע... אַז מִיר זָאלְן הֶערְן נִישְׁט-שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אִינְמִיטְן וֶוען אוּנְז שְׁפִּילְן! אוּן הֶערְן נִישְׁט-שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה! נֵיין יֵצֶר הָרָע! אוּנְז גֵייעֶן טוּהן דִי מִדָּה פוּן "נֶצַח", דָאס מֵיינְט, בַּאזִיגְן דִי יֵצֶר הָרָע! אוּנְז גֵייעֶן נִישְׁט שְׁפִּילְן נֶעבְּן דִי גוֹיִם!

**שְׂרָאלִי:** מֵאִיר, דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט!



**קִינְדֶער:** הֶע הֶע הֶע... דוּ שְׁלֶעכְטֶע יֵצֶר הָרָע, דָאס מָאל אִיז עֶס דִיר נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען!!!

"נֶצַח" מִיר הָאבְּן דִיךְ בַּאזִיגְט!

**אַהַא אַהַא אַהַא אַהַא אַהַא**
**קִינְדֶערְלֶעךְ הָאט אִיר גֶעזֶען**
**שְׁרָאלִי הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען**
**דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן נֶצַח, דִי פֶּערְטֶע אִין דִי רַייעֶ**
**וִוי אַ צַדִיק הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט**
**דֶעם יֵצֶר הָרָע אָפְּגֶעשְׁוַואכְט**
**דִי מִדָּה פוּן נֶצַח מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה**

* * * *

**הוֹד אִיז דִי פִינְפְטֶע מִדָּה, יֶעדֶע מִצְוָה זָאל זַיין שֵׁיין**
**אוּן אַלְץ גֵיין אָנְגֶעטוּן צִיכְטִיג אוּן רֵיין**

## מדה 5 - הוד

CD 1-Track 16

**שְׁלוֹמִי:** טַאטִי, אִיךְ וֵויים וָואס עֶס מֵיינְט דִי מִדָּה פוּן הוֹד! אִיךְ מֶעג זָאגְן?

**טַאטֶע:** אַוַדְאַי!




**שְׁלוֹמִי:** די מִדָּה פוּן הוֹד מֵיינְט, אַז מִיר דַארְפְן טוּהן שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר די הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער. לְמָשָׁל, וֶוען מֶען טוּהְט אַ מִצְוָה, און מְ׳קוֹיפְט אַן אֶתְרוֹג, קוֹיפְט מֶען אַ ״שֵׁיינֶע אֶתְרוֹג״, אַ שֵׁיינֶע לוּלָב, מְ׳בּוֹיעֶט אַ שֵׁיינֶע סֻכָּה, און מְ׳הֶענְגְט אוֹיף אִין דֶעם שֵׁיינֶע נוֹי סֻכָּה...

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט גֶעזָאגְט. און די מִדָּה פוּן הוֹד מֵיינְט אוֹיךְ אַז אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף אֵייבִּיג גֶעדֶענְקְן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּהן זוֹיבֶּער און רֵיין, און צוּזַאמְגֶענוּמֶען. די פֵּאוֹת זָאלְן זַיין גֶעמַאכְט. וַוייל מִיר זֶענֶען קֶענִיגְלִיכֶע קִינְדֶער פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער קֶענִיג פוּן די גַאנְצֶע וֶועלְט! און וֶוען אַ אִידִישׁ קִינְד, דֶער קִינְד פוּן אַ קֶענִיג פוּן די גַאנְצֶע וֶועלְט, גֵייט אָנְגֶעטוּהן אַזוֹי ווִי עֶס פַּאסְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַ גְרוֹיסֶע הֲנָאָה פוּן דֶעם.

**אַהַא אַהַא אַהַא אַהַא**
**קִינְדֶערְלֶעךְ טְרַאכְט אַרַיין**
**וְוי אַזוֹי אִיר קֶענְט מְקַיֵים זַיין**
**דִי שֵׁיינֶע מִדָּה פוּן הוֹד, דִי פִינְפְטֶע אִין דִי רַייעֶ**
**וְוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ קֶענִיג׳ס זוּהן**
**אַזוֹי וֶועלְן מִיר אֵייבִּיג טוּהן**
**דִי מִדָּה פוּן הוֹד מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה**

* * * *

**יְסוֹד אִיז דִי זֶעקְסְטֶע מִדָּה, אֵייבִּיג זַיין הֵיילִיג**
**מִיר אִידְן זֶענֶען אַלֶע פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַ חֵלֶק**

## מדה 6 - יסוד

CD 1-Track 17

**יוֹסִי:** טַאטִי אִיךְ וֵויים וְויאַזוֹי צוּ הַאלְטְן דִי נְשָׁמָה הֵיילִיג. אִיךְ וֶועל זִיךְ אוֹיפְפִירְן וואוֹיל, וֶועט מַיין נְשָׁמָה זַיין הֵיילִיג!

**טַאטֶע:** גֶערֶעכְט. אָבֶער אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן צוּ אָפְּהִיטְן זַיינֶע אוֹיגֶעלֶעךְ אוּן זַיין מוֹיל. דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען קוּקְט אוּן מֶען רֶעדְט אֵיידְל, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אֵיידְל, דָאס מַאכְט דִי נְשָׁמָה זֵייעֶר הֵיילִיג.

**אַהַא אַהַא אַהַא אַהַא**
**קִינְדֶערְלֶעךְ הָאט אִיר גֶעהֶערְט**
**וְוי הֵיילִיג אַ אִיד וֶוערְט**
**מִיט דִי מִדָּה פוּן יְסוֹד, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פִירְן**



# יום טוב שבועות

**וֶוען די אוֹיגֶעלֶעךְ מְ׳הִיט**
**וֶוערט מֶען אַ הֵיילִיגֶע אִיד**
**דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטָאלְצִירְן**

* * * *

**מַלְכוּת די זִיבֶּעטֶע מִדָּה, צוּ זַיין נָאר אוּנְטֶערְטֶענִיג**
**צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג**

CD 1-Track 18

## מדה 7 - מלכות

**טַאטֶע:** נָאךְ דֶעם וָואס די אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין מִדְבָּר הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט 6 וָואכְן אוֹיף די אַלֶע שֵׁיינֶע מִדּוֹת, זֶענֶען זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי רֵיין, אוּן די אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אָט אָט גְרֵייט צוּ בַּאקוּמֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! אִין די זִיבֶּעטֶע וָואךְ הָאט מֶען גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף די מִדָּה פוּן "מַלְכוּת", דָאס מֵיינְט, אַז מִיר הָאבְּן בַּאקְרוֹינְט די הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער קֶענִיג וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן די גַאנְצֶע וֶועלְט, די הִימְל אוּן דֶער עֶרְד, די גְרוֹיסֶע יַם, די בֵּיימֶער, די חַיּוֹת, אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן. אוּן מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקְן אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז מִיר וֶועלְן זַיין גְרֵייט צוּ דִינֶען דֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן פָאלְגְן אַלֶעם וָואס דֶער גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֵייסְט!

**יוֹסִי:** אוּן דָאס אִיז די מִדָּה פוּן מַלְכוּת!

**אַהָא אַהָא אַהָא אַהָא אַהָא**
**די מִדָּה פוּן מַלְכוּת**
**אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז**
**אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג פוּן וֶועם מִיר הָאבְּן מוֹרָא**
**מִיט די זִיבְּן מִדּוֹת שֵׁיין**



# יום טוב שבועות

**אִיז אוּנְזֶער נְשָׁמָה גֶעוָוארְן רֵיין**
**יֶעצְט זֶענֶען מִיר שׁוֹין גְרֵייט פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה!**

## לייגט אריין 2 CD

CD 2-Track 1

**טַאטֶע:** סְ'אִיז יֶעצְט צְוֵויי אוּן פֶערְצִיג טֶעג נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי לַאנְד מִצְרַיִם. סְ'אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, אוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַזַא לַאנְגֶע וֶועג אִין דִי מִדְבָּר, זֶענֶען עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי פְּלַאץ וָואס הָאט גֶעהֵייסְן מִדְבָּר סִינַי, דִי פְּלַאץ ווּאוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֵייט גֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

אָבֶּער דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן דִי לַאנְגֶע וֶועג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז קוֹדֶם זָאל זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער גוּט אוֹיסְרוּעֶן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זַיין גְרֵייט צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

יֶענֶע נַאכְט אִיז יֶעדֶער גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן זֵייעֶר פְּרִיה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל זַיין מָארְגְן גוּט אוֹיסְגֶערוּהט. דִי נֶעקְסְטֶע טָאג פַארְטָאגְס, וֶוען יֶעדֶער אִיז נָאךְ גֶעשְׁלָאפְן, אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן דִי הִימְל אַ וָואלְקְן. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי וָואלְקְן, אוּן דִי וָואלְקְן הָאט אַרוֹיפְגֶעטְרָאגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, הוֹיךְ הוֹיךְ.. בִּיז אִין דִי הִימְל! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט פַארְצֵיילְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַז עֶר אִיז קוֹדֶם אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַלֶע גוֹי'שֶׁע פֶעלְקֶער אוּן גֶעפְרֶעגְט פוּן דִי גוֹיִם אוֹיבּ זֵיי ווִילְן אֶפְשָׁר בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.



# יום טוב שבועות

אָבֶּער דִי גוֹיִם הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע" אַזוֹי וִוי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן, זֵיי הָאבְּן גֶעפְּרֶעגְט קוּשְׁיוֹת, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אָט הֶערְט וִויאַזוֹי עֶס אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען:

CD 2-Track 2

**ניגון**

## דֶער בַּאשֶׁעפֶּער פְּרֶעגְט דִי גוֹיִם

דֶער בַּאשֶׁעפֶּער דֶער הֵיילִיגֶער בּוֹרֵא
גֶעזָאגְט אִין הִימְל צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ
אִיךְ פַּארְמָאג אַ הֵיילִיגֶע תּוֹרָה
אַ לֶעבְּטִיגֶע אַ זִיסֶע אַ שֵׁיינֶע

צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעהַאט
אִין הִימְל בַּיי מִיר דֶערְנֶעבְּן
ס'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי צַייט
פַאר דִי וֶועלְט דִי תּוֹרָה צוּ גֶעבְּן

אַכְצְן טוֹיזְנְט מַלְאָכִים מִיטְגֶענוּמֶען
אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען
צוּ דִי שַׂר פוּן דִי גוֹיִם אָנְגֶעקוּמֶען
דִי תּוֹרָה זֵיי צוּ דֶערְלַאנְגֶען

דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ טוּט דָאס זַיין
וִויאַזוֹי מְ'דַארְף זִיךְ פִירְן שְׁטֵייט אִין דֶעם
נָאר וֶוער עֶס הַאלְט אַלֶעס אַיין
וֶועל אִיךְ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר אִים.

גֶעקוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער פוּן עֵשָׂו
וִוילְט אִיר דִי תּוֹרָה פְּרֶעגְט עֶר
גֶעט מִיר אַן עֶנְטְפֶער דֶערוֹיף
זֶענְט אִיר גְרֵייט צוּ טוּן מַיין בַּאגֶער

"זָאגְט אוּנְז קוֹדֶם וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם
מִיר וִוילְן קוֹדֶם הֶערְן
אֶפְשָׁר אִיז עֶס גָאר אַ פְּרָאבְּלֶעם
לָאמִיר גֶעוָואוֹיר וֶוערְן"

הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּהְן זָאגְן
הֶערְט מִיר אַלֶע גוּט צוּ
מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן אוּן שְׁלָאגְן
נִישְׁט קַיין חִלוּק וֶוען אוּן וואוּ

"נֵיין! עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה
דִי תּוֹרָה אִיז פַאר אוּנְז נִישְׁט גֶעמַאכְט
וַוייל מִיר גוֹיִם אַלֶע
מְ'קְרִיגְט זִיךְ בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט".
דֶערְנָאךְ צוּ יִשְׁמָעאֵל'ס קִינְדֶער
הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעטוּהְן גֵיין



# יום טוב שבועות

גֶעט מִיר אַן עֶנְטפֶער אַצִינְדֶער
אִיר דַארְפְט דִי תּוֹרָה יָא אָדֶער נֵיין

"זָאגְט אוּנְז קוֹדֶם וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם
מִיר ווִילְן קוֹדֶם הֶערְן
אֶפְשָׁר אִיז עֶס גָאר אַ פְּרָאבְּלֶעם
לָאמִיר גֶעוואוּיר וֶוערְן"

עֶס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אִין מַיין תּוֹרָה
מְ'דַארְף זַיין עֶרְלִיךְ אוּן פֵיין
פוּן בַּאשֶׁעפֶער הָאבְּן מוֹרָא
זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל אוּן שֵׁיין

"נֵיין! עֶס קֶען אַזָאנְס נִישְׁט פַּאסִירְן
צְנִיעוּת'דִיג מִיר ווִילְן נִישְׁט זַיין
אֵיידְל וֶועלְן מִיר זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְפִירְן
בַּיי דִי גוֹיִם אִיז דָאס נִישְׁט פַּארְהַאן".

גֵייט ה' וַוייטֶער אִין וֶועג
צוּ אַן אַנְדֶער גוֹי'אִישְׁן אָרְט
אוּן זֵיי אַלֶע גֶעט עֶר אַ פְרֶעג
אֶפְשָׁר ווִילְט אִיר דִי תּוֹרָה פָארְט

"זָאגְט אוּנְז קוֹדֶם וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם
מִיר ווִילְן קוֹדֶם הֶערְן
אֶפְשָׁר אִיז עֶס גָאר אַ פְּרָאבְּלֶעם
לָאמִיר גֶעוואוּיר וֶוערְן"

זָאגְט זֵיי דֶער גְרוֹיסֶער גָאט
לִיגְנְט זָאגְן קֵיינְמָאל מְ'טָאר
אוּן גְלוּסְטְן וָואס יֶענֶער הָאט
אִיז אַן עֲבֵירָה בִּיז גָאר

"נֵיין! עֶס אִיז נִישְׁט גוּט
וַוייל מִיר זָאגְן לִיגְנְט אַסַאךְ
אוּן אוֹיךְ טוּעֶן מִיר יֶעדֶע מִינוּט
גְלוּסְטְן יֶענֶעמְ'ס זַאךְ".

מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִין הַאנְט
דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער עֶר גֵייט
צוּ אַן אַנְדֶער גוֹי'אִישֶׁע לַאנְד
צוּ נֶעמֶען דִי תּוֹרָה זֶענְט אִיר גְרֵייט

"זָאגְט אוּנְז קוֹדֶם וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם
מִיר ווִילְן קוֹדֶם הֶערְן
אֶפְשָׁר אִיז עֶס גָאר אַ פְּרָאבְּלֶעם
לָאמִיר גֶעוואוּיר וֶוערְן"

כָּבוֹד טַאטֶע מַאמֶע דַארְף מֶען גֶעבְּן
אוּן פָאלְגְן בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל
אוֹיף דֶעם זָאלְט עֶטְס אֵייבִּיג שְׁטְרֶעבְּן
זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען נַחַת אָן אַ צָאל

"נֵיין! זָאגְט יֶעדֶער צוּזַאמֶען
מִיר אַלֶע הַאלְטְן נִישְׁט דֶערְבַּיי
מִיר פָאלְגְן נִישְׁט אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶען
אוּן כָּבוֹד נִישְׁט גֶעבְּן פַאר זֵיי".



משֶׁה, טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְן
הֶער צוּ וָואס אִיךְ בֶּעט פוּן דִיר
אֵיין פָאלְק טוּה אִיךְ נָאךְ פַארְמָאגְן
אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב׳ס קִינְדֶער

אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי יָא וֶועלְן
גֵיי אַרָאפּ צוּ זֵיי אוּן פְּרוּבִּיר
טוּה זֵיי דִי תּוֹרָה פָארְשְׁטֶעלְן
אוּן מִיט אַן עֶנְטְפֶער קוּם צוּרִיק צוּ מִיר!

CD 2-Track 3

**טַאטֶע:** יֶענֶע טָאג נָאכְמִיטָאג, אִיז משֶׁה רַבֵּינוּ צוּרִיק אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן דִי הִימְל, משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי צוּ פְרֶעגְן.

**משֶׁה רַבֵּינוּ:** טַייעֶרֶע אִידְן, הֶערְט מִיךְ צוּ. דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעשִׁיקְט אַז אִיךְ זָאל עֶנְק פְרֶעגְן, זֶענְט אִיר גְרֵייט צוּ נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? אוּן נִישְׁט נָאר סְתַּם נֶעמֶען, נָאר וֶוערְן "וִהְיִיתֶם לִי סְגוּלָה", דָאס מֵיינְט וֶוערְן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער׳ס בַּאלִיבְּסְטֶע פָאלְק! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְז לִיבּ הָאבְּן מֶער פוּן אַלֶע גוֹיִם! אוּן אֲפִילוּ מֶער פוּן אַלֶע זַיינֶע מַלְאָכִים! מִיר וֶועלְן אֵייבִּיג קֶענֶען בֶּעטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס מִיר ווִילְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אוּנְז אֵייבִּיג אוֹיסְהֶערְן! אוּן עֶר וֶועט אוּנְז אֵייבִּיג הֶעלְפְן! אָבֶּער נָאר אוֹיבּ מִיר זֶענֶען גְרֵייט צוּ נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן צוּזָאגְן אַז מִיר גֵייעֶן פָאלְגְן אוּן אַיינְהַאלְטְן אַלֶעם וָואס דָארְט שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן! זֶענְט אִיר גְרֵייט?

**טַאטֶע:** דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ עֶס גֵייט זַיין גְרִינְג אָדֶער שְׁוֶוער אַיינְצוּהַאלְטְן אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער אֵיין זַאךְ וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן יָא גֶעהַאט... וֶוער גֶעדֶענְקְט?

**מֵאִיר:** אִיךְ!



# יום טוב שבועות

**טַאטֶע:** לָאמִיר הֶערְן...

**קִינְד:** דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעהַאט "אֱמוּנָה מִיט בִּטָחוֹן"! זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט "אֱמוּנָה", זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אַז אֲפִילוּ זֵיי וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט יֶעצְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, דָאךְ אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז גוּט, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ גֶעהַאט "בִּטָחוֹן", זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען "זִיכֶער" אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע אוּן טֵייעֶרְסְטֶע מַתָּנָה אוּן יֶעדֶער גֵייט עֶס זִיכֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ הָאבְּן.

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** נוּ, אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ, ווִילְן עֶנְק נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן עֶס עֶרְלִיךְ אַיינְהַאלְטְן?

**קִינְדֶער:** יָא!!!! "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע!!!!"



# יום טוב שבועות

**בָּרוּךְ:** "נַעֲשֶׂה" מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן אוּן טוּן "אַלֶעס" וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

**שְׂרָאלִי:** "וְנִשְׁמַע" אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ צוּהֶערְן צוּ יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט הֵייסְן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט זַיין שְׁוֶוער!

**טַאטֶע:** גְלַייךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּפְלִיעֶן טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים פוּן דִי הִימְל, אוּן יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער אִיד הָאט בַּאקוּמֶען צְוֵויי הֶערְלִיכֶע קְרוֹינֶען אוֹיף זַיין קָאפּ! אֵיין קְרוֹין פַארְן זָאגְן "נַעֲשֶׂה", אוּן אֵיין קְרוֹין פַארְן זָאגְן "נִשְׁמַע".

CD 2-Track 4

## ניגון עֶלְיוֹנִים שָׂשׂוּ

**עֶלְיוֹנִים שָׂשׂוּ וְתַחְתּוֹנִים עָלְזוּ בְּקַבָּלַת תּוֹרָה מִסִּינַי, תֹּאַר כַּלָּה מְאֹד נִתְעַלָּה בְּקַבָּלַת תּוֹרָה מִסִּינַי**

CD 2-Track 5

## ניגון וּבָאוּ כּוּלָּם.

**וּבָאוּ כּוּלָּם בִּבְרִית יַחַד, נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע אָמְרוּ כְּאֶחָד**

CD 2-Track 6

## ניגון וְהָאֵר עֵינֵינוּ

**וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ**

CD 2-Track 7

**טַאטֶע:** סְ'אִיז גֶעוֶוען דִי דְרִיטֶע טָאג וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִדְבַּר סִינַי, סְ'אִיז גֶעוֶוען פַארְטָאגְס, יֶעדֶער אִיז נָאךְ גֶעשְׁלָאפְן, אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ



# יום טוב שבועות

נָאכְאַמָאל אַרַיין אִין אַ וָואלְקְן אוּן אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל, אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער.

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאסְט מִיר גֶעשִׁיקְט פְרֶעגְן פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער צִי זֵיי ווִילְן נֶעמֶען דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ וֵוייסְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט? "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע"! זֵיי זֶענֶען גְרֵייט צוּ טוּהן אַלֶעס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן נִשְׁמַע, זֵיי וֶועלְן זִיךְ גוּט צוּהֶערְן צוּ אַלֶעס וָואס דוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועסְט הֵייסְן!

**טַאטֶע:** דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווִילְן טַאקֶע נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר זָאל עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוּן יֶענֶע נָאכְמִיטָאג אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ טַאקֶע צוּרִיק אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט:

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** טַייעֶרֶע אִידְן! הֶערְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט: דָא אִיז פַארְהַאן אַ קְלֵיינֶע בַּארְג וָואס הֵייסְט "בַּארְג סִינַי", וָואס אוֹיף דֶעם בַּארְג גֵיי אִיךְ עֶנְק אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

**יַעֲקֹב:** אָבֶּער פַארְוָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיסְגֶעוֶועלְט אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע בַּארְג? עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע רִיזִיגֶע בַּארְג!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** וַוייל אַלֶע בֶּערְג הָאבְּן אַ מַלְאָךְ אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן דִי מַלְאָכִים פוּן דִי גְרוֹיסֶע בֶּערְג, זֶענֶען בַּעֲלֵי גַאֲוָה, דָאס מֵיינְט זֵיי הַאלְטְן זִיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס, אַז זֵיי זֶענֶען אַסַאךְ גְרֶעסֶער פוּן דִי קְלֶענֶערֶע בֶּערְג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ וֶוען אֵיינֶער הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דַּוְקָא אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע בַּארְג סִינַי. אָבֶּער גֶעדֶענְקְט! קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט מֶעגְן צוּרִירְן צוּ דִי בַּארְג סִינַי, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע בַּארְג. אִיךְ גֵיי לֵייגְן אַ גֶעִיט וָואס וֶועט עֶנְק דֶערְמַאנֶען אַז דִי בַּארְג אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן קֵיינֶער זָאל עֶס נִישְׁט צוּרִירְן!



# יום טוב שבועות

**שְׁלוֹמִי:** אוּנְזֶער גֶעטְרַייעֶ רֶבִּי מֹשֶׁה, מִיר ווילְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער זָאל אַלֵיין אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי בַּארְג סִינַי, אוּן מִיר ווילְן הֶערְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער אַלֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** נוּ גוּט! דֶעמָאלְטְס וֶועל אִיךְ מָארְגְן פַארְטָאגְס נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל, אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווילְן אַז דֶער "גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַלֵיין" זָאל אַרָאפְּקוּמֶען צוּ דִי בַּארְג סִינַי!

**טַאטֶע:** דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג נָאכְמִיטָאג אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּרִיק אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַן עֶנְטְפֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** אָה! אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ אַן עֶנְטְפֶער! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז מַסְכִּים אַלֵיין אַרָאפּ צוּ קוּמֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶער... פַאר אַזַא גְרוֹיסֶע אוּן הֵיילִיגֶע זַאךְ וֶועט זִיךְ יֶעדֶער מוּזְן צוּגְרֵייטְן נָאךְ דְרֵיי טֶעג, וָואס דָאס אִיז שְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַגְּבָלָה!! אוּן מִיר גֵייעֶן זִיךְ הֵיילִיגְן אוּן רֵיינִיגְן אוּן אוֹיךְ שֶׁחְטְ'ן קָרְבָּנוֹת פַאר דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער! יֶעדֶער אֵיינֶער אַרוֹיס פוּן דֶערְהֵיים! אִינְדֶערְהֵיים קֶען מֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט זִיךְ צוּגְרֵייטְן. נוּ, גֶעגַאנְגֶען! יֶעדֶער זָאל אַרַיינְגֵיין אִין שׁוּהל זִיךְ אוֹיסְוֵוייִנֶען אוּן זִיךְ צוּגְרֵייטְן!

CD 2-Track 8

## נִיגוּן אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן

**אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן, הַמְרַחֵם, רַחֵם עָלֵינוּ, וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִּינָה**
**לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל, לִשְׁמֹעַ, לִלְמֹד וּלְלַמֵּד, לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת**
**וּלְקַיֵּים אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתֶךָ בְּאַהֲבָה:**
**וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ,**
**וְיַחֵד לְבָבֵנוּ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ:**



# יום טוב שבועות

אָבִינוּ, טַאטֶע הֶער אוּנְז אוֹיס
הָאבּ רַחְמָנוּת הֶעלְף מִיר אַרוֹיס
אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען גוּט אוּן פֵיין
אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין

לִשְׁמוֹעַ, מִיר ווִילְן אוֹיסְהֶערְן
אַלֶעס וָואס מְ׳לֶערְנְט אִין חֵדֶר
וּלְקַיֵים, מִצְוֹות צוּ פַארְמֶערְן
מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט דִיךְ דִינֶען כְּסֵדֶר

וְהָאֵר, טוּה בַּאלַייכְטְן
אוּנְזֶער אוֹיגְן צוּ דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה
בַּאהֶעפְט אוּנְזֶער הַארְץ עֶס זָאל נָאר טְרַאכְטְן
פוּן דִי מִצְוֹות פוּנֶעם הֵיילִיגְן בּוֹרֵא

וְיַחֵד, אִין מַיין הַארְץ לֵייג אַרַיין
אַ לִיבְּשַׁאפְט נָאר צוּ דִיר אַלֵיין
פוּן דַיין הֵיילִיגֶע נָאמֶען וֶועל אִיךְ הָאבְּן מוֹרָא
אוּן נָאר טוּהן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דַיין תּוֹרָה!

CD 2-Track 9

**טַאטֶע:** אַזוֹי אִיז אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אֵיין טָאג, נָאךְ אַ טָאג, וָואס אַלֶע אִידְן הָאבְּן אַזוֹי עֶרְלִיךְ גֶעדַאווְנְט אוּן זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט. אוּן דִי דְרִיטֶע טָאג אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דִי טָאג וָואס עֶס גֵייט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ זַיין ״מַתַּן תּוֹרָה״, דָאס מֵיינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין קוּמְט יֶעצְט אַרָאפּ אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! אָבֶּער... יֶעדֶער אִיז נָאךְ גֶעשְׁלָאפְן.. אוּן משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁנֶעל אַרוּמְגֶעלָאפְן אוֹיפְוֶועקְן אַלֶע אִידְן!



# יום טוב שבועות

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** שְׁטֵייטְס אוֹיף! שְׁטֵייטְס אוֹיף! שְׁנֶעל! זָאגְט מוֹדֶה אֲנִי אוּן גִיסְט עֶנְק אָפּ נֶעגְל וַואסֶער! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שׁוֹין דָא!! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וַוארְט אוֹיף עֶנְק! יֶעדֶער זָאל לוֹיפְן צוּם בַּארְג סִינַי! שְׁנֶעל!!!

**טַאטֶע:** דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען שְׁנֶעל אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעלָאפְן צוּ דִי בַּארְג סִינַי, וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע וָואלְקְן פוּן פֵייעֶר אוֹיף דִי שְׁפִּיץ פוּן דִי בַּארְג, אוּן ס'אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ דוּנֶערְן אוּן בְּלִיצְן. יֶעדֶער הָאט גֶעדֶענְקְט וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אָנְגֶעזָאגְט, "קֵיינֶער טָאר אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְרִירְן דִי בַּארְג סִינַי", נָאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶועט מֶעגְן אַרוֹיפְגֵיין. אוּן ס'אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, דִי גֶעיט וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַרוּמְגֶעלַייגְט דִי בַּארְג סִינַי, הָאט גֶערֶעדְט:

**גֶעיט:** אַכְטוּנְג, אַכְטוּנְג! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט צוּרִירְן אָדֶער אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דִי בַּארְג סִינַי!

**מֵאִיר:** יוֹא, קוּק, דִי גֶעיט שְׁרַייט אַז קֵיינֶער טָאר אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אָדֶער אַרִיבֶּערְגֵיין! אַזַא נֵס!!

**קִינְדֶער:** ס'דוּנֶערְט, ס'בְּלִיצְט, אוֹיף דִי בַּארְג סִינַי אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע פֵייעֶר, דִי בַּארְג בְּרֶענְט! עֶס גֵייט אַ רִיזִיגֶע רוֹיךְ פוּן דִי בַּארְג סִינַי!! יוֹשׁ קוּק! דִי גַאנְצֶע בַּארְג הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף הֶעכֶער אוּנְזֶער קָאפּ! יוֹא אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא!

**טַאטֶע:** דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן הוֹיךְ: ווִילְן עֶנְק מְקַבֵּל זַיין מַיין תּוֹרָה, אִיז גוּט, אַז נִישְׁט וֶועל אִיךְ אַרָאפְּלָאזְן דִי בַּארְג אוֹיף עֶנְקֶער קָאפּ אוּן ס'קֶען חָלִילָה גֶעשֶׁעהְן נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ!

**קִינְד:** אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, יֶעדֶער הָאט דָאךְ גֶעשְׁרִיגְן "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע", אַוַדְאַי ווִיל יֶעדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, פַארְוָואס וָוארְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ בַּארְג הֶעכֶער אוּנְזֶער קָאפּ?

**טַאטֶע:** וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל אַז וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, דָאס זֶענֶען דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן דִי צַדִּיקִים פוּנֶעם דוֹר, אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן אוּנְז עֶפֶּעס הֵייסְן, זָאל מֶען



פָּאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען פָּאלְגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

**קִינְדֶער:** הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער מִיר זָאגְן צוּ אַז מִיר וֶועלְן פָּאלְגְן "אַלֶעס" וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דַיין תּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ "אַלֶעס" וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וֶועלְן אוּנְז הֵייסְן טוּהן!

**טַאטֶע:** וֶוען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט אוֹיךְ צוּ פָּאלְגְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וֶועלְן הֵייסְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער צוּרִיק אַרָאפְּגֶעלֵייגְט דִי בַּארְג.

קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶנְק וֵוייסְן, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְשָׁמָה וָואס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין! אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן אַלֶע אִידְן וָואס זֶענֶען נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס גֶעבּוֹירְן, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל מִיטְהַאלְטְן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

**שְׂרָאלִי:** אוֹיךְ אִיךְ בִּין דָארְט גֶעוֶוען?

**טַאטֶע:** אַוַדְאַי אִיז דַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה גֶעוֶוען בַּיי מַתַּן תּוֹרָה! קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶנְק וֵוייסְן וָואס נָאךְ? דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֵיילְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעפִילְט, אוּן יֶעדֶער אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק!

**קִינְדֶער:** וַואוּ!!!

CD 2-Track 10

**טַאטֶע:** אוּן אַזוֹי וֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶע דוֹרוֹת זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיט דִי "עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת". דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע צֶען הֵיילִיגֶע מִצְווֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייבְּט אָן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע: **"אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ, אִיךְ בִּין דַיין בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן לַאנְד מִצְרַיִם!"**



# יום טוב שבועות

**מֵאִיר:** יוֹא! אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין רֶעדְט! מַיין נְשָׁמָה פְלִיהט אַרוֹיס! אִיךְ חַלֶשׁ! – יֶעדֶער חַלֶשְׁ'ט!!

**טַאטֶע:** דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט פֵיינֶע שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים, אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ שְׁמֶעקְן פַאר דִי אִידְן, אוּן יֶעדֶער הָאט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְגֶעכַאפְּט!

דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט דִי צְוֵוייטֶע בַּאפֶעל: "**לֹא תַעֲשֶׂה לְךָ פֶסֶל**, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן אַן עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן אַוַדְאַי טָארְסְטוּ נִישְׁט דִינֶען אוּן זִיךְ בִּיקְן צוּ אַן עֲבוֹדָה זָרָה!"

**קִינְדֶער:** "ה' אֶחָד", דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז נָאר דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער!

**קִינְד:** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ! מִיר קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי גָאטְלִיכְקַייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס רֶעדְט! מֹשֶׁה, זָאג דוּ אוּנְז אִיבֶּער אַלֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט!



# יום טוב שבועות

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** גוּט, טַייעֶרע אִידְן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט דִי דְרִיטֶע בַּאפֶעל: "**לֹא תִשָּׂא**, דוּ טָארְסְט נִישְׁט שְׁוֶוערְן פַאלְשׁ, אָדֶער צוּזָאגְן עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט אֱמֶת."

**קִינְדֶער:** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר וֶועלְן טַאקֶע נִישְׁט!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** דִי פֶערְטֶע בַּאפֶעל אִיז: "**זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ**, דוּ זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן אַז שַׁבָּת אִיז אַ הֵיילִיגֶע טָאג. אַ גַאנְצֶע וָואךְ מֶעגְסְטוּ אַרְבֶּעטְן, אָבֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ טָארְסְטוּ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דַארְפְסְטוּ זִיךְ אָפְּרוּעֶן! וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶוען עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִין זֶעקְס טֶעג, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶערוּהט אִין דֶעם זִיבֶּעטְן טָאג וָואס דָאס אִיז שַׁבָּת!"

**קִינְדֶער:** יָא, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר וֶועלְן רוּעֶן אוּן הֵיילִיגְן דֶעם שַׁבָּת!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** אוּן דִי פִינְפְטֶע בַּאפֶעל אִיז: "**כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ**, דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין אוּן פָאלְגְן אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע, אוּן וֶוער עֶס וֶועט פָאלְגְן אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע וֶועט לֶעבְן לַאנְג!"

**קִינְדֶער:** יָא, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר וֶועלְן גֶעבְן כָּבוֹד אוּן פָאלְגְן אוּנְזֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** אוּן דִי זֶעקְסְטֶע בַּאפֶעל אִיז: "**לֹא תִרְצָח**: דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הַרְגֶ'נֶען!"

**קִינְדֶער:** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר וֶועלְן נִישְׁט הַרְגֶ'נֶען!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** אוּן דִי זִיבֶּעטֶע בַּאפֶעל אִיז: "**לֹא תִנְאָף**, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טוּהן, נִישְׁט אַ צְנִיעוּת'דִיגֶע זַאךְ!"

**קִינְדֶער:** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מִיר וֶועלְן נִישְׁט טוּהן אוּמְ'צְנִיעוּת'דִיגֶע זַאכְן!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** אוּן דִי אַכְטֶע בַּאפֶעל אִיז: "**לֹא תִגְנֹב**, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גַנְבֶ'נֶען!"



**קִינְדֶער:** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, מִיר וֶועלְן נִישְׁט גַנְבֶ'נֶען!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** אוּן דִי נֵיינְטֶע בַּאפֶעל אִיז: ״**לֹא תַעֲנֶה**, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן לִיגְנְט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ!״

**קִינְדֶער:** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, מִיר וֶועלְן נִישְׁט זָאגְן לִיגְנְט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ!

**מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:** אוּן דִי צֶענְטֶע בַּאפֶעל אִיז: ״**לֹא תַחְמֹד**, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט גְלוּסְטְן! אוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער גֶעבְּט פַאר דִיר, דַארְפְסְטוּ זַיין צוּפְרִידְן!״

**קִינְדֶער:** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, מִיר וֶועלְן נִישְׁט גְלוּסְטְן!

**טַאטֶע:** אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן בַּאקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע צֶען מִצְוֹות פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! אוּן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזֶען מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן דִי קוֹלוֹת אוּן דִי רוֹיעֶךְ וָואס עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי בַּארְג סִינַי, אוּן יֶעדֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען וַוייט אוּן מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעקוּקְט. נָאכְדֶעם אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נָאכְאַמָאל אַרַיין אִין אַ וָואלְקְן אוּן נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל, אוּן יֶעצְט אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוֶוען אִין הִימְל פַאר פֶערְצִיג טֶעג! עֶר אִיז גֶעוֶוען וִוי אַ מַלְאָךְ! עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעטְרוּנְקְן. אוּן דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֶע תַּרְיַ״ג מִצְוֹות, דָאס אִיז דִי זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן מִצְוֹות וָואס מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מוּזְן פָאלְגְן, אוּן חָלִילָה נִישְׁט טוּהן קַיין עֲבֵירוֹת.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה, וִויאַזוֹי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט גֶעהֵייסְן אַז אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאל זַיין דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת!

**קִינְדֶער:** וַואוּ!



**שְׁלוֹמִי:** אַזַא הֶערְלִיכֶע אוּן הֵיילִיגֶע מַעֲשֶׂה!

**שְׂרָאלִי:** יְיַשֵׁר כֹּחַ טַאטִי!

CD 2-Track 11

**מֵאִיר:** אוּן פַארְוָואס שְׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט נָאךְ דִי סְעוּדָה, גֵייעֶן אַלֶע טַאטֶעס צוּרִיק אִין שׁוּהל לֶערְנֶען בִּיז צוּפְרִי?

**טַאטֶע:** וַוייל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען גֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז יֶעדֶער נָאךְ גֶעשְׁלָאפְן אִין בֶּעט, אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט יֶעדֶעם שְׁנֶעל גֶעמוּזְט אוֹיפְוֶועקְן. דֶערְפַאר פִּירְן מִיר זִיךְ צוּ גֵיין אִין שׁוּהל, אוּן זַיין אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן מֶען זָאגְט עֶרְלִיךְ דֶעם "תִּיקּוּן לֵיל שְׁבוּעוֹת" בִּיז צוּפְרִי.

CD 2-Track 12

**שְׂרָאלִי:** טַאטִי, שְׁבוּעוֹת לֵייגְט מֶען אַרוּם הֶערְלִיכֶע בְּלוּמֶען, פַארְוָואס?

**טַאטֶע:** וַוייל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי בַּארְג סִינַי אוּנְז צוּ גֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז דִי בַּארְג סִינַי גֶעוָוארְן זֵייעֶר הֵיילִיג, אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען אַרוֹיסצוּוַואקְסְן פוּן דִי בַּארְג הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע בְּלוּמֶעלֶעךְ אוּן גְרָאזֶעלֶעךְ.

**שְׂרָאלִי:** אַהַא... יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין.

CD 2-Track 13

**טַאטֶע:** אוּן אוֹיךְ פִּירְט מֶען זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג שְׁבוּעוֹת צוּפְרִי, פַאר מֶען פַאנְגְט אָן צוּ לֵיינֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זִינְגְט מֶען קוֹדֶם צוּזַאמֶען דֶעם הֵיילִיגְן "אַקְדָמוּת".

# יום טוב שבועות

**יַעֲקֹב:** **אַקְדָמוּת:** אֵיידֶער אִיךְ הֵייבּ אָהן, **מִילִין:** צוּ רֶעדְן, **וְשָׁרָיוּת:** אוּן אִיךְ בַּאגֶער, **שׁוּתָא:** צוּ שְׁפְּרֶעכְן. **אוּלָא:** צוּם עֶרְשְׁט, **שָׁקִילְנָא:** וֶועל אִיךְ נֶעמֶען, **הַרְמָן:** אַן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ, **וּרְשׁוּתָא:** אוּן רְשׁוּת פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**טַאטֶע:** אִין דֶעם הֵיילִיגְן "אַקְדָמוּת" שְׁטֵייט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט אוּנְז, אוּן אוֹיךְ וִוי גֶעטְרַיי מִיר זֶענֶען צוּ דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן הַאלְטְן אַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִין יֶעדֶע צַייט, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז שְׁוֶוער. וַוייל אוֹיבּ אִיז אַמָאל שְׁוֶוער פַאר אֵיינֶעם עֶפֶּעס צוּ פָאלְגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם שְׁטְרֶענְגְט עֶר זִיךְ אָן אוּן עֶר פָאלְגְט, בַּאצָאלְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַסַאךְ אַסַאךְ מֶער שְׂכַר פַאר דֶעם!

CD 2-Track 14

## ניגון כַּד יַתְבִין יִשְׂרָאֵל

כַּד יַתְבִין יִשְׂרָאֵל וְעָסְקִין בְּשִׂמְחַת הַתּוֹרָה
קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אוֹמֵר, לְפַמַלְיָא דִילֵיהּ
חֲזוּ בָּנַי חֲבִיבַי, דְמִשְׁתַּכְּחִין בְּצַעֲרָא דִלְהוֹן וְעָסְקִין בְּחֶדְוָתָא דִילִי

וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער זִיצְן אוּן לֶערְנֶען, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה,
וָואס טוּהט דֶעמָאלְטְס אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער הֵיילִיגֶער בּוֹרֵא.
עֶר רוּפְט צוּ זַיינֶע מַלְאָכִים, אוּן עֶר זָאגְט צוּ זֵיי,
זֶעהט'ס וִוי מַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענֶען מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי.
אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען אִין אַ קְלֶעם, אֲפִילוּ עֶס גֵייט זֵיי שְׁלֶעכְט,
טוּעֶן זֵיי דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם, וִוי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע קְנֶעכְט.
אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען אִין אַ גֶעפַאר, זֵיי לֶעבְן אִין פַּחַד אוּן מוֹרָא,
פַארְגֶעסְן זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע צַעַר, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.



CD 2-Track 15

**טַאטֶע:** און יֶעצְט טַייעֶרע קִינְדֶער, לָאמִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְסְטֶע פָאלְק פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער און עֶר הָאט אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, און וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה!

CD 2-Track 16

## ניגון בָּרוּךְ הוּא אֱלֹקֵינוּ

בָּרוּךְ הוּא אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ,
וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים,
וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת,
וְחַיֵּי עוֹלָם נָטַע בְּתוֹכֵנוּ.

CD 2-Track 17

## ניגון מֹשֶׁה אֱמֶת

מֹשֶׁה אֱמֶת וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת



Digital Download Kinderlech.com

# הערט אונזערע אנדערע

# איך האב ליב

## סידי׳ס, און האט שטארק הנאה!




Design By: LAZER TORIM 845.371.3000

YOEL KLEIN
RECORDING STUDIO
718-344-1708

געזינגען און גערעדט דורך די
הייליגע קינדערלעך קווייער